ווערט אַרויסגעגעבן דורך דער
„פֿאָרווערטס“־אַסאָציאַציע

פֿאָרווערטס

איז די עלטסטע ייִדישע צײַטונג
אין דער וועלט
געגרינדעט אין יאָר 1897

# ווײַטער

אינטערנעץ־אויסגאַבע פֿאַר די וואָס לערנען זיך ייִדיש

www.yiddish.forward.com/vayter ✦ זיבעטער יאָרגאַנג ✦ תשע״ב – 2012 ✦ נומער 1(54)

# ייִדישע שפּראַך־פּראָגראַמען — זומער 2012

אויב איר האָט נאָך ניט אויסגעפּלאַנירט דעם קומענדיקן זומער, איז ניט צו שפּעט זיך צו פֿאַרשרײַבן אין איינער פֿון די ווײַטערדיקע ייִדישע שפּראַך־פּראָגראַמען. די פּראָגראַמען זײַנען ניט נאָר געצילט אויפֿן אָנהייבער־סטודענט, נאָר אויך פֿאַר די וואָס קענען שוין ייִדיש, אָבער ווילן ווײַטער שטודירן אויף אַ העכערער מדרגה. אין די ווײַטהאַלטער־קלאַסן רעדט מען געוויינטלעך בלויז ייִדיש. מע דאַרף זיך אָבער ניט שרעקן פֿאַרן טײַערן שׂכר־לימוד – שטעלט אויס אַן אַפּליקאַציע אויף אַ סובסידיע, ווײַל ס'איז דאָ אַ גוטע מעגלעכקייט, אַז איר קענט באַקומען אַ געוויסע פֿינאַנציעלע הילף. כּמעט אין אַלע פּראָגראַמען פֿאַרדינט מען קרעדיט פֿאַר קאָלעדזש־קורסן.

## ווילנע: דער ווילנער ייִדישער אינסטיטוט

די קורסן וועלן פֿאָרקומען פֿונעם 22סטן יולי ביזן 17טן אויגוסט 2012. די לערערס, וועלכע באַטייליקן זיך דאָס יאָר זײַנען: פּראָפֿ' דובֿ־בער קערלער, ד״ר קאַראָלינאַ שימאַניאַק, פּראָפֿ' אַבֿרהם ליכטענבוים, און פּראָפֿ' אַנאַ ווערשיק.

צו באַקומען נאָך אינפֿאָרמאַציע, גיט אַ קוועטש אויף דער וועבזײַט:

www.judaicvilnius.com

## תּל־אָבֿיבֿ: „נעמי פּראַווער קאַדאַר־זומער־פּראָגראַם“

„די נעמי פּראַווער קאַדאַר אינטער־נאַציאָנאַלע זומער־פּראָגראַם פֿאַר ייִדיש“ בײַם תּל־אָבֿיבֿער אוניווערסיטעט וועט פֿאָרקומען פֿון 25סטן יוני ביזן 19טן יולי 2012. במשך פֿון די לעצטע עטלעכע יאָר איז די פּראָגראַם געוואָרן די גרעסטע פֿון אַלע. דאָס יאָר וועט מען לערנען די שפּראַך אויף פֿינף מדרגות, פֿון אָנהייבער ביז ווײַטהאַלטער. די באַטייליקטע וועלן באַקומען 80 שעה פֿונעם שפּראַך־ און ליטעראַטור־לימוד.

אַחוץ די פֿרימאָרגנדיקע לימודים, וועלן די סטודענטן קענען זיך באַטייליקן אין פֿאַרשיידענע אַקטיוויטעטן נאָך מיטאָג: אַ קורס אויף ענגליש וועגן דער אַנטוויקלונג פֿון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור, שמועס־וואַר־שטאַטן, פֿילמען, קינסטלערישע אָוונטן. די אַקאַדעמישע דירעקטאָרן פֿון דער פּראָגראַם זײַנען די פּראָפֿעסאָרן חנה ווירט־נשר און אַבֿרהם נאָווערשטערן.

אַדאַנק דער „נעמי קאַדאַר־פֿונדאַציע“, קענען די סטודענטן באַקומען ממשותדיקע סובסידיעס. גיט אַ קוק אויף דער וועבזײַט:

www.naomiyiddish.tau.ac.il

## ניו־יאָרק: ייִדיש־זומער־פּראָגראַם א״נ פֿון אוריאל ווײַנרײַך

דער „ייִוואָ“, צוזאַמען מיט „באַרד“ – די עלטסטע זומערדיקע שפּראַך־פּראָגראַם האָט אויסגעשולט דורות גראַדואַנטן, וועלכע זײַנען שוין אַליין געוואָרן ייִדיש־לערערס. דאָס וועט זײַן דאָס צווייטע יאָר פֿון דער שותּפֿות־

(סוף אויף זײַט 8)



די לערערין גאָשאַ זאַרעמבאַ (אין מיטן) מיט סטודענטן בײַ דער ייִוואָ/באַרד זומער־פּראָגראַם

יובילוי

# לעאָן קאָברינס „צוריק צו זײַן פֿאָלק“

דעם 15טן מאַרץ איז געוואָרן 140 יאָר זינט אין וויטעבסק, ווײַסרוסלאַנד, איז געבוירן געוואָרן דער ייִדישער שרײַבער לעאָן קאָברין (1946–1872). הגם ער האָט געשטאַמט פֿון אַ טראַדיציאָנעלער ייִדיש־רעדנדיקער משפּחה, זיך געלערנט אין חדר, האָט ער אויסגעלערנט אויך רוסיש און געמאַכט זײַנע ערשטע ליטעראַרישע פּרוּוון דווקא אויף דער אויסגעלערנטער שפּראַך. די ייִדישע ליטעראַטור און טעאַטער האָט ער פֿאַר זיך אַנטפּלעקט שוין אין אַמעריקע, וווּהין ער איז געקומען אין 1892. זײַן ליטעראַרישע טעטיקייט האָט זיך אין אַמעריקע אָנגעהויבן „צווישן“ ייִדיש און רוסיש: אין 1894 האָט קאָברין איבערגעזעצט פֿון רוסיש אַ דערציילונג. אויך שפּעטער וועט ער אַ סך איבערזעצן אויף ייִדיש – דער עיקר, ווערק פֿון רוסישע און פֿראַנצויזישע שרײַבער.

קאָברינס אייגענע דערציילונגען האָבן אָנגעהויבן זיך צו באַווײַזן אין דער ניו־יאָרקער ייִדישער פּרעסע – „אַרבעטער־צײַטונג“ און „אָוונט־בלאַט“. אין קורצן איז ער געוואָרן אַ פּראָפֿעסיאָנעלער שרײַבער און זשורנאַליסט. אָבער די אמתע אָנערקענונג איז צו אים געקומען אַ דאַנק זײַנע אַריבער דרײַסיק פּיעסעס. אין די ערשטע יאָרן נאָך דער גרינדונג פֿון „פֿאָרווערטס“, אין 1897, האָט קאָברין פֿאַרעפֿנטלעכט אין דער צײַטונג דערציילונגען און ראָמאַנען. אָבער דערנאָך האָט ער זיך צעקריגט מיטן „פֿאָרווערטס“־רעדאַקטאָר אַב. קאַהאַן. דאָס האָט אים געבראַכט, אויף אַ פּערטל יאָרהונדערט, אין דער צײַטונג „דער טאָג“. צום סוף פֿון זײַן לעבן האָט קאָברין געדרוקט זײַנע ווערק אין דער קאָמוניסטישער „מאָרגן־פֿרײַהייט“.



לעאָן קאָברין

„צוריק צו זײַן פֿאָלק“, וואָס איז צום ערשטן מאָל געווען געשטעלט אין ניו־יאָרק אין 1917, געהערט גאָר ניט צו די בעסטע פּיעסעס פֿון לעאָן קאָברין. אָבער „צוריק צו זײַן פֿאָלק“ איז געוואָרן אַ ווענדפּונקט אין דער געשיכטע פֿון די סאָציאַליסטיש־געשטימטע אַמעריקאַנער ייִדישע קולטור־קרײַזן. די דאָזיקע פּיעסע האָט אויפֿגעהויבן די פֿראַגע פֿון ייִדישן נאַציאָנאַליזם, וועלכער איז געוואָרן שטאַרקער בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. אָט ווי עס האָט געשריבן וועגן דער פּיעסע מנחם קיפּניס (1942–1878), דער וואַרשעווער זשורנאַליסט, וועמענס אַרטיקלען פֿלעגן זיך באַווײַזן אויך אין „פֿאָרווערטס“:

די האַנדלונג דערציילט אונדז אַ מעשׂה מיט אַן אַמעריקאַנער גבֿיר, מיסטער בלעק, וואָס האָט אַ מאָל, מיט 35 יאָר צוריק, פֿאַרלאָזט לאָדזש, אַוועק קיין אַמעריקע, זיך געשמדט, חתונה געהאַט, געהאַט קינדער, פֿאַרדינט אַ גרויס פֿאַרמעגן. נאָר אויף דער עלטער האָט זיך אין אים דערוועקט אַ בענקשאַפֿט צוריק צו זײַן פֿאָלק. עס נאָגט אין אים, עס ציט אים, ער האָט קיין רו ניט אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט ביז ער פֿאַרלאָזט זײַן קריסטלעך־רעליגיעז ווײַב, זײַן אַנטיסעמיטישן זון מיט זײַן גאַנצן פֿאַרמעגן און פֿאָרט אַוועק ווי אַ צוריקגעוואָרענער ייִד קיין ארץ־ישׂראל.

זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז אַזוי שנעל גייט דאָס ניט צו. עס קומען פֿאָר אינערלעכע קאַמפֿן און אויסערלעכע קאַמפֿן, צווישן דעם פֿאָטער, דעם בעל־תשובֿה, און זײַן פֿרוי און זײַן זון, דעם גרויסן שונא־ישׂראל, וואָס ווייסט ניט אַפֿילו די גאַנצע צײַט, אַז זײַן פֿאָטער אַליין איז אַ ייִד... און כּדי די האַנדלונג זאָל זיך ניט אָפּשפּילן אַזוי איינפֿאַך, מאַכט גאָט אַזוי, אַז די טאָכטער זײַנע איז דווקא אַ ייִדן־פֿרײַנדין, האָט ליב אַ ייִדישן מאָלער, וואָס קומט אַרײַן צו זיי אין שטוב און אַ דאַנק וועלכן דער אַלטער מיסטער בלעק ווערט מער מיטגעריסן צום ייִדישן געדאַנק. ער גייט מיט אים הערן אַ דרשה פֿון אַ לאָדזשער מגיד, וואָס איז געקומען קיין אַמעריקע אַגיטירן פֿאַר ציון, און דערקענט גאָר אין דעם מגיד מיט דער גרויסער באָרד זײַן אייגענעם ברודער, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט ווען יענער איז געווען אַ קליין ייִנגעלע אין לאָדזש, בעת ער איז אַוועק קיין אַמעריקע.

פֿון מ. קיפּניסעס טעאַטראַלע נאָטיצן, געדרוקט אין דער וואַרשעווער צײַטונג „הײַנט“ דעם 19טן אויגוסט, 1927

# ווערטער



## קישקעס

דער ייִדישער נוסח פֿון „וויקיפּעדיע“ לערנט אונדז:

קישקע איז אַ מאכל פֿון מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן, געמאַכט פֿון דער גראָבער קישקע פֿון רינדער, געפּילט מיט געפּרעגלטן ציבל, מעל, שמאַלץ און געווירצן.

די געקאָכטע קישקע קען זײַן פֿון יעדער פֿאַרב, פֿון ווײַס־גראָ ביז ברוין־אָראַנזש. דאָס ווענדט זיך אין ווי פֿיל געווירצן מען לייגט אַרײַן, בעיקר די פּאַפּריקע. הײַנטיקע צײַטן ניצט מען סינטעטישע אײַנוויקלונג אַנשטאָט עכטע קישקע פֿון אַ בהמה. ענלעך צו קישקע איז מעגעלע, מען מאַכט דאָס אין שטוב, מען פּילט אָן די הויט פֿונעם האַלדז פֿון אַ הינדל אָדער אַן אינדיק.

די קישקע מאַכט מען געוויינטלעך פֿרײַטיק, און מע לאָזט זי קאָכן אין דעם טשאָלנט, וואָס מען עסט שבת בײַטאָג.

דאָס איז איין מאָל אַוועק. אָבער ווײַטער וועט די רייד גיין ניט וועגן מאכלים, נאָר וועגן אַן אַנדער זאַך, וועגן וועלכער עס שטייט אויך געשריבן אין דעם זעלביקן „וויקיפּעדיע“־אַרטיקל, דהײַנו: „דער אַרטיקל דיסקוטירט דעם מאכל געפּילטע קישקעס. אויב איר זוכט קישקעס אין מאָגן, זען געדערעם“. טאָ לאָמיר זיך באַשעפֿטיקן מיטן צווייטן באַטײַט – די „קישקעס אין מאָגן“.

דעם 5טן מײַ (זאָל עס אַזוי בלײַבן אַרײַנגעשריבן אין דער געשיכטע) איז אין „ניו־יאָרק טײַמס“, אין דער „אָפּ־עד“־סעקציע, געשטאַנען געשריבן:

**Samuel I. Schwartz, a transportation engineer and New Yorker to his kishkes, has spent 40 years – half government, half private – trying to make sense of the M.T.A.**

אין אַ קורצער צײַט אַרום האָט מען געקאָנט איבערלייענען אַזאַ קעפּל אין אַן אַרטיקל, געדרוקט אין דעם ענגלישן „פֿאָרווערטס“:

**Mitt Romney, The Man With No Kishkes**

אין דעם „מאַיאַמי העראַלד“ האָט מען לעצטנס געשריבן:

**Jews unite! Newt Gingrich kicks Mitt Romney right in the kishkes over kosher food veto.**

דער טײַטש אין אַט די אַלע פֿאַלן איז דער זעלבער, אין תוך אַרײַן, ווי דאָס פּשוטע ענגלישע guts, וואָס מיינט „געדערעם“. אָבער דאָס סלאַוויש־אָפּשטאַמיקע און ייִדיש־אויסגעבאָוועטע וואָרט געפֿעלט די מחברים בעסער. פֿאַר וואָס? וואָס פֿאַר חן האָט עס? קלינגט עס טאָקע שענער אין ענגליש ווי guts? דאָס דאַרף שוין דער לייענער פֿון „ווײַטער“ באַשליסן אַליין.

ס'איז אינטערעסאַנט, אַז דאָס ענגלישע וואָרט kishkes איז סעמאַנטיש ברייטער ווי דאָס ייִדישע וואָרט „קישקעס“, ווײַל אויף ענגליש האָט עס אַרײַנגענומען אַלע באַטײַטן פֿון דעם guts. למשל, אויף ייִדיש דערמאָנט מען דאָך ניט די קישקעס, אויב די רייד גייט וועגן דרייסטקייט




צו ניט דרייסטקייט פֿון אַ מענטשן. די ייִדישע פֿראַזע „ער האָט (צי האָט ניט) קיין קישקעס“ וועט פּשוט באַשרײַבן די אַנאַטאָמישע אייגנאַרטיקייטן, אָבער ניט דעם קוראַזש.

# וויצן



## קורצע חכמות

ס'איז שווער אָפּצושטעלן אַ מענטש, וואָס האָט באַשלאָסן גאָרנישט צו טאָן.

איך קען ניט זאָגן, אַז איך בין ניט צופֿרידן צו זען אײַך. אָבער איך באַווײַז פּשוט ניט זיך פֿאַרבענקען נאָך אײַך.

אַ מענטש קאָן מען האַלטן פֿאַר אַ רעאַליסט, אויב אים אַרט ניט צי די גלאָז איז האַלב ליידיק אָדער האַלב אָנגעפֿילט. אַ רעאַליסט אינטערעסירט זיך מיט דעם וואָס געפֿינט זיך אין דער גלאָז.



„חיים, האָסטו אַ מעגלעכקייט אײַנצושפּאָרן געלט?“

„אַ מעגלעכקייט אַזאַ האָב איך. אָבער קיין געלט האָב איך ניט.“

„איך קריג זיך ניט מיט אײַך און אַמפּער זיך ניט מיט אײַך. איך דערקלער אײַך פּשוט, פֿאַר וואָס איך בין געערגערט.“

# ייִדישע מאָזאַיִק



## ייִדיש־פֿאַרם

דאָס איז אַ פֿרישע איניציאַטיוו, וואָס ווערט אַזוי כאַראַקטעריזירט אויפֿן אייגענעם וועב־זײַטל www.yiddishfarm.org:

אונדזער ציל איז צו בויען אַ ייִדיש־רעדנדיקן ייִשובֿ, וואָס קולטיווירט אָרגאַנישע עסן און האַלט קולטורעלע פּראָגראַמען פֿאַר דער ברייטער ייִדישער קהילה. אין דער וואָכן, וועלן מיר באַאַרבעטן די פֿעלדער, רעפּעטירן פּיעסעס און לערנען תּורה און ייִדישע ליטעראַטור. שבתים וועט מען לעבעדיק פֿאַרברענגען צוזאַמען.

די פֿאַרם געפֿינט זיך ניט ווײַט פֿון ניו־יאָרק. דעם זומער וועט מען אַ פּרווו טאָן, ווי אַזוי דער פּראָיעקט וועט אַרבעטן. דער געדאַנק פֿון אַזאַ אונטערנעמונג קלינגט אפֿשר אוטאָפּיש, אָבער יעדער אָנהייב איז אוטאָפּיש, אַפֿילו אויב עס האָט גאָרנישט צו טאָן מיט ייִדיש, מיט לאַנדווירטשאַפֿט בכלל און מיט אָרגאַנישער לאַנדווירטשאַפֿט בפֿרט.

ס'איז קלאָר, אָבער, אַז די „אָרגאַנישקייט" פֿון דער פֿאַרם־פּראָדוקציע קען מאַכן דעם ענין קאָמפּליצירטער. די זאַך איז, אַז חרדים, וואָס זײַנען צווישן די פּאָטענציעלע קונים, האָבן פּראָבלעמען מיט אַזעלכע גרינס, מחמת אָרגאַנישע פּראָדוקטן טראָגן, בדרך־כּלל, מער זשוקעס. און די זשוקעס קענען שאַפֿן אַן אמתן קאָפּווייטיק פֿאַר אַ כּשרער שטוב.

צוריק גערעדט, ס'לאָזט זיך נאָך ניט אויס די וועלט מיט חרדים. עס זײַנען דאָ אויך אַנדערע מינים קונים. עס וואַקסט דאָך שטענדיק די צאָל לײַט, וואָס ווילן עסן אָרגאַניש. אין דעם גאַנצן אַמעריקאַנער מאַרק פֿון שפּײַז און געטראַנקען שאַפֿן שוין איצט אָרגאַנישע פּראָדוקטן בערך 5 פּראָצענט. אַ סבֿרא, אַז אין אַזעלכע שטעט ווי ניו־יאָרק איז נאָך גרעסער דער חלק פֿון תּושבֿים, וואָס ווילן קויפֿן אָרגאַנישע פּראָדוקטן. לאָמיר האָפֿן, אַז די ייִדישע אָרגאַנישע פֿאַרמערס וועלן געפֿינען אַ סטעזשקע, וואָס פֿירט צו אַזעלכע קונים.

* * *

אַ דאַנק דער סובסידיע פֿון דער „נעמי פּראַווער קדר־פֿונדאַציע", וועט מען קענען זיך לערנען ייִדיש דעם זומער אויף דער ייִדיש־רעדנדיקער „ייִדיש־פֿאַרם" אין גושן, ניו־יאָרק. עטלעכע שעה אין טאָג וועט מען אויף אַ פֿעלד קולטיווירן אָרגאַנישע געוויקסן, און עטלעכע שעה וועט מען זיך לערנען ייִדיש אין אַ קלאַס־צימער. די אַנדערע אַקטיוויטעטן וועלן האָבן אַ שײַכות מיט דער ייִדישער קולטור; למשל, דוד מאַנדעלבאַום פֿון דער טרופּע „נײַער ייִדיש־רעפּ" וועט פֿירן אַ ייִדישן טעאַטער־וואַרשטאַט.

אָנטיילנעמער וועלן וווינען (אין אַ געצעלט אָדער הײַזקע) און אַרבעטן אויף דער פֿאַרם בשעת מע לערנט זיך די ייִדישע שפּראַך און קולטור. דער אָנהייבער־קלאַס וועט פֿאָרקומען פֿונעם 1טן יוני ביזן 1טן יולי 2012. דער אַוואַנסירטער קורס קומט פֿאָר פֿונעם 1טן יולי ביזן 20סטן אויגוסט.

צו באַקומען נאָך אינפֿאָרמאַציע שטעלט זיך אין פֿאַרבינדונג מיט ישׂראל באַס, פּראָגראַם־קאָאָרדינירער yisroel@yiddishfarm.org

אָדער נפֿתּלי איידלמאַן, דירעקטאָר פֿון דער ייִדיש־פֿאַרם naftali@yiddishfarm.org.



# פֿאַר קליין און גרויס



## ייִדישע מעשׂיות פֿון בעלז

איבערדערציילט פֿון באָריס סאַנדלער

# דער שטריק־דרייער

אין די אַלטע ווײַטע צײַטן האָט געלעבט איינער אַן אָרעמער ייִד, וואָס זײַן פּרנסה איז געווען דרייען שטריק. מ'האָט אים טאַקע אַזוי גערופֿן – מאָטל דער שטריק־דרייער. צווישן אַלע שטריק־דרייערס אינעם שטעטל איז מאָטל געווען דער אָרעמסטער שטריק־דרייער. אַזוי אָרעם איז מאָטל געווען, אַז ער האָט אַפֿילו ניט געהאַט מיט וואָס צו קויפֿן קלאָטשעס צו דרייען זײַנע שטריק. פֿלעגט ער אַרומגיין איבערן שטעטל און צונויפֿקלײַבן שטיקלעך אַלטע קלאָטשעס, וואָס זײַנען פֿאַרבליבן פֿון צעריסענע שטריק און זעק.

אײן מאָל גייט פֿאַרבײַ זײַן שטיבל אַ רײַכער פּריץ און זעט ווי מאָטל מוטשעט זיך, נעבעך, צונויפֿדרייענדיק פֿון די שטיקלעך קלאָטשעס אַ גאַנצן שטריק. פֿרעגט אים דער פּריץ:

– וואָס מוטשעסטו זיך, ייִדל?

– איך האָב ניט קיין נײַע קלאָטשעס צו מאַכן מײַנע שטריק.

האָט דער פּריץ אַרויסגענומען אַ זעקעלע מיט געלט און האָט געזאָגט:

– איך גיב דיר דאָ דרײַ הונדערט רענדלעך, זאָלסטו צורעכט מאַכן דעם דאַך פֿון דײַן שטיבל און זיך קויפֿן אַ נײַע קלאָטשעס צו מאַכן שטריק.

מאָטל, אַ גליקלעכער, האָט באַדאַנקט דעם פּריץ, געכאַפּט דאָס געלט און איז אַרײַן אין שטוב. קודם־כּל, האָט ער געגעבן דעם ווײַב אַ רענדל אויף וועטשערע, דערנאָך געלאָפֿן אין מאַרק זיך קויפֿן אַ נײַ היטל.



ווען מאָטל און זײַן ווײַב האָבן אָפּגעגעסן די וועטשערע, האָט מאָטל גענומען דאָס זעקעלע מיט די פֿאַרבליבענע רענדלעך, זיי אַרײַנגעלייגט אין דעם נײַעם היטל און דאָס היטל מיט די רענדלעך אָנגעטאָן אויפֿן קאָפּ. אַזוי, האָט ער געטראַכט, וועט זײַן זיכער סײַ פֿאַרן היטל און סײַ פֿאַרן געלט. און מאָטל האָט זיך געלייגט שלאָפֿן.

גיי אָבער זײַ אַ חכם. בײַ נאַכט איז אינעם לאָך פֿונעם צעבראָכענעם דאַך אַרײַנגעפֿלויגן אַ קראָ, אַראָפּגעכאַפּט אינעם שנאָבל דאָס היטל צוזאַמען מיטן זעקעלע רענדלעך און איז אַרויסגעפֿלויגן דורך דעם זעלבן לאָך. גיי יאָג זיך נאָך אַ פֿויגל!



אין דער פֿרי שטייט מאָטל אויף – ניטאָ ניט זײַן נײַ היטל און ניט דאָס זעקעלע מיט די רענדלעך. וואָס בלײַבט אַ קבצן? זיך אַ קראַץ טאָן דעם נאַקן און זאָגן: „אַז עס גייט ניט, גייט ניט פֿון אַלע זײַטן.“

דרייט מאָטל זיך שוין ווידער אַרום איבערן שטעטל און קלײַבט צונויף אַלטע קלאָטשעס צו מאַכן זײַנע שטריק. אין אַ צײַט אַרום גייט פֿאַרבײַ זײַן שטיבל דער זעלבער רײַכער פּריץ. דערזען מאָטלען בײַ דער זעלבער אַרבעט, פֿרעגט ער בײַ אים:

– דו דרייסט שוין ווײַטער דײַנע שטריק פֿון אַלטע קלאָטשעס? וווּ האָסטו אַהין געטאָן דאָס געלט?

דערציילט אים מאָטל די גאַנצע געשיכטע, אַז דאָס געלט איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן, צוזאַמען מיטן נײַעם היטל, און אַז עס גייט ניט, גייט ניט פֿון אַלע זײַטן.

האָט דער פּריץ אים אויסגעהערט, זיך באַקלערט אַ ביסל און געזאָגט:

– נאַ, כ'גיב דיר דאָ נאָך אַ מאָל דרײַ הונדערט רענדלעך, ס'זאָל אַזעלכעס מער ניט טרעפֿן!

– חלילה־וחס! גאָט באַהיט!

מאָטל האָט ווידער שטאַרק אָנגעדאַנקט דעם פּריץ פֿאַר דער צווייטער מתּנה, אַרײַנגעלאָפֿן אין שטוב און דערלאַנגט אַ רענדל זײַן ווײַב אויף וועטשערע. ווען זי איז אַוועקגעלאָפֿן אין מאַרק אײַנקויפֿן, האָט ער געכאַפּט דעם טאָפּ מיט קלײַען, וואָס איז געשטאַנען פֿאַררוקט אין אַ ווינקל און האָט אַהין באַהאַלטן דאָס זעקעלע מיט די רענדלעך. זײַן ווײַב האָט ער וועגן דעם גאָרניט געזאָגט: ווי זי ווייסט ניט, זאָל איר ניט שאַטן!

טרעפֿט זיך אויפֿן אַנדערן טאָג, אַז ווען מאָטל איז ניט געווען אין דער היים, זאָל לעבן דעם שטיבל זיך אָפּשטעלן אַ באַלעגאָלע און ער פֿרעגט:

– באַלעבאָסטעניו, אפֿשר האָט איר אפֿשר עפּעס צו עסן פֿאַר מײַן פֿערדל?

– כ'האָב גאָרניט... סײַדן אַ טאָפּ מיט קלײַען, וואָס שטייט דאָ אין אַ ווינקל.

האָט דער באַלעגאָלע אָפּגעקויפֿט בײַ איר דעם טאָפּ מיט קלײַען פֿאַר אַ שטיקל זייף און איז אַוועקגעפֿאָרן.

מאָטל קומט אַהיים און זעט, אַז דער טאָפּ איז ניטאָ. פֿרעגט ער בײַם ווײַבל:

– וווּ איז דער טאָפּ מיט קלײַען?

דערציילט זי דעם מאַן, אַז זי האָט דעם טאָפּ, צוזאַמען מיטן ביסל קלײַען, אַוועקגעגעבן פֿאַר אַ שטיקל זייף.

– וואָס וועט עס שטיין אומזיסט? – האָט זי געטענהט, – קיין ציג האָבן מיר ניט צו עסן די קלײַען, אַזוי וועט כאָטש זײַן אַ שטיקל זייף אין שטוב.

(המשך אויף זײַט 6)

# דער שטריק־דרייער

(המשך פֿון זײַט 5)

אַז דער מאַן האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך געוואָלט אַ מעשׂה טאָן. אָבער ווי זאָגט מען, אין אַ שטוב פֿון אַ שטריק־דרייער פֿעלט אויס אַ שטריק. ס'האָט גאָרניט געהאָלפֿן, מאָטל האָט זיך געמוזט ווײַטער שטעלן דרייען זײַנע שטריק פֿון אַלטע קלאַטשעס. אַז עס גייט ניט, גייט ניט פֿון אַלע זײַטן.

אין אַ צײַט אַרום שטעלט זיך אין דעם שטעלט אַרײַן דער פּריץ, באַגלייט מיט זײַן עקאָנאָם. זעט ער ווידער דאָס זעלבע בילד. האָט עס אים שטאַרק פֿאַרדראָסן: אַ ייִד זאָל זיך אַזוי ניט אויסטויגיק צו אַ געשעפֿט. האָט ער געטאָן אַ מאַך מיט דער האַנט און איז אַוועקגעגאַנגען. מאָטל איז אים נאָכגעלאָפֿן, געוואָלט דערציילן וואָס ס'האָט דאָס מאָל פּאַסירט, אָבער דער פּריץ איז שוין געווען ווײַט אַוועק.

איז מאָטל נאָכגעלאָפֿן דעם עקאָנאָם און האָט אים אַלץ דערציילט וועגן דעם טאָפּ מיט קלײַען און דער נאַרישקייט, וואָס זײַן ווײַב האָט אָפּגעטאָן פֿאַר אַ שטיקל זייף.

– איך קען דיר גאָרניט העלפֿן! – זאָגט דער עקאָנאָם, און פֿאַר רחמנות צוגעגעבן: – איך האָב אין מײַן קעשענע אַ שטיקל בלײַ, נאַ דאָס דיר, ס'וועט דיר צוניץ קומען!

מאָטל האָט גענומען דאָס שטיקל בלײַ און איז אַהיימגעקומען. אין דער היים האָט ער דאָס שטיקל בלײַ באַקוקט און באַטראַכט, און פֿאַרשטאַנען, אַז ס'האָט גאָרניט קיין ווערט. ער האָט עס אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד און געזאָגט ווי זײַן שטייגער איז: „אַז עס גייט ניט, גייט עס ניט פֿון אַלע זײַטן!"

זײַן ווײַב האָט אָבער פֿון גאָרניט געוווסט. זעט זי, אויף דער ערד ליגט עפּעס אַ שטיקל בלײַ, הייבט זי עס אויף און לייגט עס אַוועק אויפֿן טיש. וואָס וועט זיך עס וואַלגערן?! מאַכט זיך גראָד, ווען דער שטריק־דרייער איז ניט געווען אין דער היים, קומט צו אַ פֿישער, וואָס האָט געוווינט דערנעבן און פֿרעגט זי:

– באַלעבאָסטעניו, אפֿשר האָט איר עפּעס אַ שווערע זאַך צו מאַכן שווערער מײַן נעץ?

– כ'האָב גאָרניט... סײַדן אַ שטיקל בלײַ וואָס ליגט דאָ אויפֿן טיש. נעמט עס אײַך!



דער פֿישער האָט צוגענומען דאָס שטיקל בלײַ און האָט צוגעזאָגט דער שכנה צו ברענגען איר דעם ערשטן פֿיש וואָס ער וועט כאַפּן.

איז ער אַוועק צום טײַך און אַרײַנגעלייגט דאָס שטיקל בלײַ אין זײַן נעץ. ווערט די נעץ שווערער און איז אַראָפּ טיפֿער אין וואַסער. ס'האָט לאַנג ניט גענומען, האָט דער פֿישער געכאַפּט אַ גרויסן פֿיש. ווי צוגעזאָגט, האָט ער דעם ערשטן פֿיש אָפּגעטראָגן צו מאָטלס ווײַב.

– דאָ האָט איר אַ שיינעם פֿיש אויף שבת! עסט געזונטערהייט!

די ייִדענע האָט אָפּגעדאַנקט דעם פֿישער אַ פֿולן ספּאָדיק און זיך גענומען מאַכן דעם פֿיש. ווי נאָר זי האָט אים אָפּגעשאָבן און אויפֿגעשניטן דעם בויך, האָט עפּעס אַ בלישטש געטאָן מיט אַזאַ ליכטיקייט, אַז זי איז, נעבעך, שיִער ניט בלינד געוואָרן.

פֿאַר נאַכט קומט דער מאַן און זעט די גאַנצע שטוב שײַנט. ער קוקט זיך אום און זעט, אַז זײַן ווײַב זיצט אונטערן טיש. פֿרעגט ער זי:

– וואָס טוסטו דאָרט און וואָס איז די שײַן?

דערציילט זי אים די גאַנצע מעשׂה וועגן דעם שטיקל בלײַ, וואָס זי האָט געגעבן דעם פֿישער, און אַז דער פֿישער האָט געבראַכט דעם פֿיש, און אַז ווען זי האָט אויפֿגעשניטן דעם בויך פֿונעם פֿיש, האָט פֿון דאָרט אַ זעץ געטאָן די העלע שײַן. און זי האָט שטיל פֿאַרענדיקט:

– פֿונעם פֿיש קוקט אַרויס די עין־הרע, אַ בייז אויג!

גייט מאָטל פֿאַוואָליע צו צום טיש, בייגט זיך אָן צום פֿיש און זעט, אַז פֿונעם אויפֿגעשניטענעם בויך איז אַרויסגעפֿאַלן אַ שטיין. דווקא דער דאָזיקער שטיין בלישטשעט מיט אַלערליי קאָלירן.

מאָטל איז טאַקע געווען אַ שטריק־דרייער, אַן אָרעמאַן, אָבער ניט קיין נאַר. ער האָט גלײַך פֿאַרשטאַנען, אַז דער שטיין איז ניט קיין פּשוטער שטיין. ער האָט אים אײַנגעוויקלט אין אַ שמאַטע און איז אַוועקגעלאָפֿן דעם וווּנדער ווײַזן דעם גאָלדשמיד, פֿרעגן אים וויפֿל ס'איז ווערט. ווי נאָר דער גאָלדשמיד האָט צעוויקלט די שמאַטע און אַרויסגענומען דעם שטיין, איז ער געבליבן זיצן אַ געפּלעפּטער. קוים געקומען צו זיך, האָט ער אויסגעשריִען:

– אוי ווי, ס'איז דאָך גאָר אַ טײַערער שטיין! ווו האָט איר אים גענומען?

מאָטל האָט שוין אָבער די פֿראַגע ניט געהערט; פֿאַר זײַנע אויגן האָט אָנגעהויבן וואַקסן אַ באַרג נײַע קלאַטשעס. פֿאַרכישופֿט פֿון דעם בילד, האָט ער שטיל געפֿרעגט:

– וויפֿל איז דער שטיין ווערט?

האָט דער גאָלדשמיד געענטפֿערט:

– וויפֿל פּינקטלעך דער דימענט איז ווערט, ווייס איך ניט, אָבער אַז צוויי מדינות זאָלן צוזאַמענעמען דאָס גאַנצע גאָלד און זילבער, און אַלע אוצרות זייערע, וואָלטן זיי נאָך אַלץ ניט פֿאַרמאָגט אַזוי פֿיל, וויפֿל דער די־

(סוף אויף זײַט 7)

# דער שטריק־דרייער

(סוף פֿון זײַט 6)

מענט איז ווערט!

דערהערט פֿונעם גאָלדשמיד פֿון אַזוי פֿיל אוצרות, איז מאָטל שוין געווען אויף אַ האָר צו זײַן אַראָפּ פֿון זינען. ער האָט געקלערט און געקלערט און דערנאָך געזאָגט דעם גאָלדשמיד:

– איך וויל אים פֿאַרקויפֿן...

האָט דער גאָלדשמיד זיך צעלאַכט:

– איך ווייס, אַז איר ווילט, אָבער קיינער וועט בײַ אײַך דעם דימענט ניט קויפֿן, ווײַל ס׳איז ניטאָ אַזאַ מענטש אויף דער וועלט, וואָס זאָל פֿאַרמאָגן אַזוי פֿיל געלט.

– וואָס זשע זאָל איך טאָן?

– גאָרניט!

ווערט דער שטריק־דרייער אויפֿגעבראַכט:

– פֿון וואָס זשע וועל איך ציִען די חיונה, אַז איך וועל ניט האָבן קיין געלט צו קויפֿן נײַע קלאָטשעס?

דערהערט די טענה, האָט דער גאָלדשמיד זיך אָנגערופֿן:

– שאַט, איך האָב אַן עצה: הייסט מיר דעם דימענט צעהאַקן אויף קליינע שטיקלעך, וועט איר פֿאַר דעם קלענסטן שטיקעלע קאָנען אָפּקויפֿן מאַיאָנטקעס, און וואָס איר וועט נאָר וועלן!

און אַזוי איז טאַקע געבליבן: דער גאָלדשמיד האָט צעהאַקט דעם דימענט אויף קליינע שטיקלעך און דער שטריק־דרייער האָט אַלע מאָל אַרויסגענומען אַן אַנדער שטיקעלע דימענט און אָפּגעקויפֿט דערמיט אַ הויז, אַ פֿעלד, אַ וואַלד און אַזוי איז ער געוואָרן אַ רײַכער ייִד.

איצט האָט מען שוין אין זײַן פּאַלאַץ קיין סימן פֿון קיין קלאָטשע ניט געקאָנט אָפּזוכן. אַ קלייניקייט – אַ נגיד! אַלע פּריצים פֿון אַרום האָבן זיך מיט אים געערעבנט, ווי מיט זייער אַ גלײַכן.

איין מאָל האָט איינער פֿון די פּריצים געמאַכט זייער אַ גרויסן באַל. האָט ער אַוודאי אויך פֿאַרבעטן מאָטלען מיט זײַן ווײַב. האָבן זיי זיך אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק, אײַנגעשפּאַנט דאָס שענסטע פֿערד אין דער שיינער בריטשקע און זײַנען אַוועקגעפֿאָרן צום באַל.

פֿאָרנדיק אַהין, זעט מאָטל ווי עס שטייט אויף אַ בערגל אַ שוואַרצע קראָ און פּיקט מיטן שנאָבל עפּעס אַ באַקאַנטע זאַך. איז אים געוואָרן טשיקאַווע צו וויסן, וואָס דאָס זאָל זײַן. קריכט ער אַראָפּ פֿון דער בריטשקע, גייט צו צו דעם אָרט און... גאָט איז אַן עדות: די קראָ פּיקט זײַן היטל מיט די רענדלעך, וואָס ס׳איז בײַ אים פֿאַרפֿאַלן געוואָרן. האָט ער דעם אוצר גענומען און זיך געלאָזט ווײַטער אויף זײַן וועג.

אָפּפֿאָרנדיק אַזוי אַ פּאָר מײַל, האָט מאָטל באַמערקט, אַז ס׳איז אים אויסגעגאַנגען דאָס עסן פֿאַרן פֿערד. שטעלט ער זיך אָפּ לעבן אַ קליין הײַזל און פֿרעגט דאָרט בײַ דער ייִדענע, צי זי האָט ניט עפּעס צו עסן פֿאַר זײַן פֿערד.

זאָגט די ייִדענע:

– איך האָב גאָרניט... סײַדן אַ ביסעלע קלײַען אין אַ טאָפּ, וואָס שטייט אין אַ ווינקל.

נעמט מאָטל בײַ דער ייִדענע דעם טאָפּ און וויל אים צוטראָגן צום פֿערד. דערזעט זײַן ווײַב דעם טאָפּ הייבט זי אָן צו שרײַען:

– מאָטל, ס׳איז דאָך דער טאָפּ, וואָס כ׳האָב אַוועקגעגעבן דעם באַלעגאָלע פֿאַר אַ שטיקל זייף!

דערהערט ווי זײַן ווײַב שרײַט, איז אים אַרויסגעפֿאַלן דער טאָפּ פֿון די הענט און פֿון דאָרט האָבן זיך אַרויסגעשאָטן גאָלדענע רענדלעך, טאַקע יענע, וואָס ער האָט דאָרט באַהאַלטן. האָט מאָטל זיי צונויפֿגעקליבן און געזאָגט:

– אַז עס גייט, גייט עס שוין פֿון אַלע זײַטן!



# ייִדישע שפּראַך־פּראָגראַמען — זומער 2012

(סוף פֿון ערשטער זײַט)

דיקער פּראָגראַם צווישן דעם ייִוואָ און „באַרד"־קאָלעדזש. די קלאַסן קומען פֿאָר, ווי פֿאַראַיאָרן, אינעם „ייִדישן טעאָלאָגישן סעמינאַר".

די לערערשאַפֿט באַשטייט דעם זומער פֿון חנן באָרדין (ירושלימער אוניווערסיטעט), ברוכה לאַנג (דזשאָנס האָפּקינס־אוניווערסיטי), חנה גאָנשאָר (מאַק'גיל־אוניווערסיטעט).

דער קורס וועט פֿאָרקומען פֿון 18טן יוני ביזן 27סטן יולי 2012. ד״ר הערשל גלעזער איז דער דירעקטאָר.

צו באַקומען מער אינפֿאָרמאַציע, גיט אַ קוק אויף דער וועבזײַט:

**yivo.bard.edu/summer**



דאָראָטעאַ גרעווע לערנט בײַם „ייִדיש־זומער־ווײַמאַר"

## פּאַריז: „זומערקורסן פֿון ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור"

דער „פּאַריזער ייִדיש־צענטער/ מעדעם ביבליאָטעק" וועט דורכפֿירן די חשובֿע פּראָגראַם פֿון 9טן ביזן 27סטן יולי. די לערערס וועלן זײַן: חיהלע ביר, שרון בר־כּוכבא, רובי מאָנעט, יצחק ניבאָרסקי, סאָניע פּינקוסאָוויטש־דראַטוואַ און אַניק פּרים־מאַרגוליס. מע וועט לערנען פֿיר ניוואָען שפּראַך־קורסן.

אַ „פֿייסבוק"־זײַטל אונטערן נאָמען **Parizer zumer kurs** האָט מען געשאַפֿן צו העלפֿן געפֿינען דירות אין פּאַריז פֿאַר די סטודענטן וואָס וועלן קומען זיך לערנען. עס זײַנען פֿאַראַן סטיפּענדיעס, דער עיקר, פֿאַר אוניווערסיטעט־סטודענטן.

צו באַקומען פּרטימדיקע אינפֿאָרמאַציע, שרײַבט צו:

**annick@yiddishweb.com**

## ווײַמאַר, דײַטשלאַנד: „ייִדיש־זומער־ווײַמאַר"

די מוזיק־פּראָגראַם בײַם „ייִדיש־זומער־ווײַמאַר" האָט כּמעט פֿון אָנהייב אַרײַנגענומען אַ שפּראַך־קאָמפּאָנענט. דאָס יאָר האָט דער דירעקטאָר, אַלען בערן, באַשלאָסן צו פֿאַרברייטערן די שפּראַך־פּראָגראַם און במשך פֿון דרײַ כּסדרדיקע וואָכן וועט מען אינטענסיוו לערנען די שפּראַך. דער אָנהייבער־קורס, פֿונעם 21סטן ביז 28סטן יולי, ווערט געלערנט פֿון דאָראָטעאַ גרעווע. דער מיטנדיקער קלאַס פֿונעם 30סטן יולי ביז 5טן אויגוסט ווערט געפֿירט פֿון יורי וועדעניאַפּין פֿון „האַרוואַרד־אוניווערסיטעט". דער אַוואַנסירטער קלאַס ווערט געלערנט פֿון פּראָפֿ' שמעון נויבערג, פֿון טריִער אוניווערסיטעט אין דײַטשלאַנד.

צום ערשטן מאָל וועט פּראָפֿ' דיאַנאַ מאַטוט אָנפֿירן מיט אַ וואַרשטאַט וועגן ייִדישע און דײַטשע קינדער־לידער פֿונעם 6טן ביזן 10טן אויגוסט.

דער אַוואַנסירטער קלאַס פֿאַר זינגערס וועט זיך טרעפֿן פֿונעם 21סטן יולי ביזן 28סטן יולי. אַן אַלגעמיינער אַרײַנפֿיר צו ייִדישער און דער קלעזמער־קולטור וועט פֿאָרקומען פֿונעם 1טן ביזן 5טן אויגוסט, און דער המשך־קורס פֿונעם 16טן ביזן 21סטן אויגוסט.

צו באַקומען נאָך אינפֿאָרמאַציע:

**http://www.yiddishsummer.eu**

## לאָנדאָן: „אָט אַזוי!"

פֿונעם 12טן אויגוסט ביזן 17טן אויגוסט וועט דער „ייִדישער מוזיק־אינסטיטוט" דורכפֿירן דעם „אָט אַזוי! ייִדישער שפּראַך־ און קולטור־קורס". די פּראָגראַם וועט פֿאָרקומען אויפֿן קאַמפּוס פֿונעם לאָנדאָנער אוניווערסיטעט און דעקן פֿיר שפּראַך־מדרגות, פֿון אָנהייבער־קלאַסן ביז אַוואַנסירטע. די לערערשאַפֿט וועט באַשטיין פֿון חיהלע ביר, סאָניע פּינקוסאָוויטש, העטהער וואַלענסיע און לילי כּהן. די זינגערין שורה ליפּאָווסקי וועט אָנפֿירן מיט געזאַנג. אַ באַזונדערע פּראָגראַם פֿון ייִדיש געזאַנג – „טומבאַלאַ!" – קומט פֿאָר אין דער זעלבער צײַט מיט די לערערינס פּאָלינאַ שעפּהערד, הילדע בראָנשטיין און שורה ליפּאָווסקי.

צו באַקומען נאָך אינפֿאָרמאַציע, גיט אַ קוק אויף דער וועבזײַט פֿונעם **Jewish Music Institute**.